בלומינג גראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פּאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינג גראָוו' והגלילות
ניסן תשפ"ה
United Jewish Community of Blooming Grove
Est. 2019

## לאנגיעריגער געפעכט איבער טראנספארטאציע אין די חגאות טעג געשליכטעט צום גוטן

שפארט קרוב צו האלב מיליאן טאלער יערליך פאר תושבי העיר

זייט 36

## קאנגרעסמאן פעט רייען לאדנט ווילעדזש באאמטע קיין וואשינגטאן צו דיסקוסירן סטאטוס פון גרענט פאנדינג

זייט 28

## עלעגאנטער באנקעט לטובת קופת עירינו אפגעהאלטן מיט גרויס סוקסעס



זייט 20

## הרחבת גבולי הקדושה שכונת צאנז זמיגראד



זייט 14

## גדלו והצליחו: ישיבה גדולה טאדהש

זייט 14

## וואונדערליכע מעגאַ פסח פּראָגראַם דורכגעפירט מיט אויסטערלישע ערפאָלג

זייט 26

## קינדערלאנד ווילעדזש פארק איז גרייט פארן זומער סעזאן הבעל"ט

זייט 25

## ולפני עור לא תתן מכשול

זייט 41

## עדיטאריעל: "אתה הראית לדעת..."

זייט 4

בס"ד

א
פרייליכן
שבת

ישמחו
במלכותך
שומרי
שבת
וקוראי
עונג

נייע
עפאכע
אין שבתים
של שמחה

מיט גרויס פרייד
טוען מיר מעלדן דאס
ערעפענונג פון אונזער

# עלעגאנטע שמחה זאל

צו קענען פראווען מיט
פולן פראכט און גלאנץ

# שבת'דיגע שמחות

- שבת אויפרוף
- שבת שבע ברכות

סעודות געקעיטערט
עלעגאנט און רייך



אקאמאדירט
איבער 45
קאפעלס

NUAH 845.513.0001

קהל ישב לב
ד'סאטמאר
בנין יאקאבאוויטש

פאר רעזערוואציעס רופט:
718.790.6597

31 Merriewold Lane South
Blooming Grove, NY 10950

# United Jewish Community *of* Blooming Grove

*Mailing address:* PO Box 808 Monroe, NY 10949 • *Hotline:* 845-237-4828 • *Email:* Info@UJCofBloomingGrove.org


בס"ד

מיט דעם טוען מיר מודיע זיין אז בעז"ה וועט זיין צוגעשטעלט

# שריפת חמץ

## ערב פסח אינדערפרי

**עס וועט זיין צוגעשטעלט א גרויסע קאנטעינער**

## אין הויף פון די יו. זשעי.סי.
## 29 Merriewold Ln S

## אין הויף פון ת"ת ויואל משה
## 58 fort worth place

**מ'זאל ברענגען צום פארברענען בלויז**
**די מינומום, און אכט געבן אויף די**
**זיכערהייט פון זיך און פון די קינדער!**

מיר קוקן ארויס עס זאל זיך בעז"ה אויסארבעטן
אויפ'ן שענסטן אופן לשביעת רצון הציבור!

בברכת חג כשר ושמח

**United Jewish Community *of* Blooming Grove**



## עדיטאריעל:

# ״אתה הראית לדעת...״

שטייענדיג אונטערן רושם פון די געוואלדיגע גוטע בשורה ב"ה וואס עס קומט יעצט אריין אין די טעג פון ערבי פסחים, אז נאך די פארצווייגטע געפעכט פון לענגערע יארן, צווישן איין געריכט און דעם קומענדיגן געריכט, ביז דעם העכסטן געריכט, און נאכן געווינען און פארלירן, דאן נאכמאל געווינען און ענדגילטיג נאכמאל פארלירן ביים לעצטן פארלוסט פונעם העכסטן געריכט אין ניו יארק סטעיט סופרים קאורט אפעלאט דעוויזיע, איז ב"ה איינגעקומען די גוטע בשורה אז בסייעתא דשמיא וברוב רחמיו וחסדיו יתברך שמו קען מען היינט בפומבי מעלדן די פרייליכע נייעס פארן גאנצן ציבור אז יא, מיר זענען ב"ה אנגעקומען און דערגרייכט צום ציל, בבחינת **"ואחרי כן יצאו ברכוש גדול" ווען די לאנג פארצווייגטע שתדלנות איז סוף כל סוף דורכגעגאנגען און עס איז אפגע'חתמ'ט געווארן א קלארער הסכם לטובת הציבור, און מען איז ברוך השם אנגעקומען צו א קלארע פארשטענדעניש מיט די באהערדע פונעם "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" וואס וועלן למעשה יא געהעריג באצאלן די 21 טעג** גויאישע חגאות וואס די היימישע מוסדות פונקציאנירן דאן ווי געווענליך, בבחינת **א"ך טוב לישראל.**

עס איז א געוואלדיגע דערגרייכונג פאר די קרוב צו טויזנט דריי הונדערט קינדערלעך בלעיה"ר וואס נוצן די טעגליכע טראנספארטאציע צו קומען און גיין אין חדר אריין, וואס ביז היינט האט דאס געקאסט פארן ציבור גענצליך פון טאש, צוליב וואס דער "סקול דיסטריקט" האט דאס נישט געוואלט צושטעלן טראץ מיר באצאלן זיי יערליך שווערע און הויכע טעקס געלטער, דאס קומט אויס קאלעקטיוו צו **שפארן פארן ציבור קרוב צו א האלב מיליאן דאלער יערליך!** און וועט שוין יעצט אריינגיין אין אפעקט אנגעהויבן פונעם קומענדיגן שנת הלימודים תשפ"ו לפ"ק, דער דאזיגער מציאות וויאזוי דאס איז צושטאנד געקומען שרייט פון זיך אליינס ארויס **"אתה הראית לדעת!"**

• • •

ווען מען איז זיך אביסל מתבונן, מען נוצט דעם דעת, און מ'טראכט אריין וואס דא איז פארגעקומען, קומט נאכאמאל צום אויבערפלאך די געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא צו וואס מען איז אנגעקומען, אז דאס איז דערגרייכט געווארן בלויז דורך אמונה פשוטה, דורך נישט אויפגעבן! נאר גענצליך זיך פארלאזן אויף דעם כל יכול אליינס! ווייל כאטש מיר פארשטייען נישט זיינע וועגן איז באוואוסט אז "הרבה דרכים למקום", דער באשעפער האט אסאך וועגן וויאזוי צו געבן הצלחה, **"אתה הראית לדעת כי ה' הוא האלקים".**

ס'איז ידוע ווען דער נאמען "ה'" איז מלובש אין די בחינה פון 'דין', ווערט עס אנגערופן "אלקים", "אתה הראית לדעת כי ה' הוא האלקים", א איד דערגרייכט א העכערע מדריגה פון דעת דייקא נאכדעם וואס ער גייט דורך בחינת דין, ווען מ'זעט איין אז מיט אייגענע פעולות און מיט אייגענע סטראטעגיעס קומען מען נישט אן אין ערגעץ, מ'מאכט נישט קיין פארשריט, מ'מאכט נישט קיין פראגרעס, און נאכן אפשפענדן שווערע הונדערטער טויזנטער דאלער'ס אין געריכטן און פאר אדוואקאטן, וואס איז וויכטיג געווען מונע צו זיין אזא גרויסער היזק רב פון נכסי ציבור יאר יערליך, און וויפיל מ'האט געצאלט פאר די לויער'ס און קאנסאלטענס, און מ'איז געלאפן יאר איין יאר אויס מיט א פרישע סטראטעגיע, א נייע מהלך, צווישן די אלע הירינגס מיט די אלע ערשיינונגען, וואס מ'האט זיך איינגערעדט אז אצינד גייט מען האבן א בעסערן לויער, **אצינד גייט מען האבן א קלוגערן צוגאנג, מ'האט אויסגעטראפן בליצנדע רעיונות און טיפע מהלכים גג על גג וויאזוי מ'גייט דאס מוזן געווינען, ווייל דאס געזעץ איז מיט אונז און זיי האבן קיין שום רעכט דאס אראפצוהאלטן, ספעציעל ווען די שכנות'דיגע סקול דיסטריקטן האבן זיך שוין פון לאנג צוגעשטעלט און דאס נאכגעגעבן, וכו', אבער נאכן "אתה הראית לדעת כי ה' הוא האלקים", שרייט זיך ארויס דער סוף פסוק "אין עוד מלבדו"!**

• • •

עס דערמאנט זיך ווי פאריאר זומער ווען מ'האט באקומען דעם הילכיגן נייען, דעם אומצווויידייטיגן פראסק אין פנים, נאכדעם וואס מ'איז שוין ענדליך אנגעקומען צום 4'טן אפעלאט געריכט, וואס איז די העכסטע ניו יארק סטעיט געריכט, וואס געווענליך ווען א קעיס קומט אן ביז אהין איז דאס נאר ווען דאס האט גאר א שטארקן רוקנביין און דויערהאפטיגע סופארט, מיט גוטע אויסזיכטן דורכצוגיין, אנדערש קוקט ניטאמאל די געריכט זיך צו באפאסן מיט די סארט קלאגעס, און פארברענגען ניטאמאל זייער צייט אויף אזעלכע קלאגעס וואס ווערן טעגליך ארויסגעווארפן פון סקעדזשול, און דא האט אויסגעקוקט אז ס'איז דא מער ווי גענוג סיבות אז דער קעיס זאל געווינען, עכ"ז האט מען פארלוירן, וואס האט ווי פארשטענדליך זייער ווייער געטוהן פארן ציבור אז מ'האט דאס נישט געקענט עררייכן, און מ'האט דעמאלט אנגענומען פאר ליב דרכי השי"ת מיט די אמונה פשוטה אז אזוי דארף צו זיין **"ה' הוא האלקים אין עוד מלבדו"!**

מיר ווייסן דאך אז **"פסח" איז די ווערטער "פה סח" א מויל וואס רעדט, מען דארף רעדן און זאגן און פארציילן,** והגדת לבנך און סיפור יציאת מצרים ביים ליל הסדר איז דאך נישט בלויז צו פארציילן פון דעם אמאל, ווי מ'זאגט דאס ארויס ביי "והיא שעמדה לאבותינו ולנו" און מ'חזרט דאס יאר איין יאר אויס "אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו", מיר ליידן אין יעדן דור, יעדעס יאר שפירן מיר פריש אז מיר דארפן ווערן אויסגעלייזט, און מ'ענדיגט צו "והקב"ה מצילנו מידם", ביז מיר וועלן

אויסגעלייזט ווערן טוט אונז הקב"ה ראטעווען פון זייער הענט און העלפט אונז אנגיין קעגן דעם ווילן פון אונזערע באטריגער, יא, מיר זענען נאך אלץ אין גלות, מיר זענען נאך אלץ בארץ נכרי', מיר האבן נישט די געדאנקען, מיר האבן נישט די מעגליכקייטן, איין זאך האבן מיר, דעם איין איינציגן באשעפער, דעם אחד יחיד ומיוחד, דעם אחד אלקינו שבשמים ובארץ, און בלויז וואס איז זיין רצון, בלויז וואס ער וויל טוהן, נאר דאס ווערט ערמעגליכט, און וואס ער וועט זאגן און באשטימען אזוי וועט זיין! **"רבות מחשבות בלב איש" אבער "ועצת ה' היא תקום", דאס ברענגט א העכערע דעת, אנצוקומען צום ריכטיגן "אתה הראית לדעת"!**

א מענטש איז דאך נאר א מענטש, מ'שתדל'ט, מ'פרובירט, מ'ארבייט, מ'איז עוסק אין עסקנות, מ'וויל אויפטוהן פארן ציבור, מ'מיינט מ'גייט זיכער דערגרייכן, מ'גייט זיכער צושטעלן, עס גייט זיך זיכער אויסארבייטן, אבער דער אייבירשטער זאגט ניין, "לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ה' צבקות" נישט מיט קיין געריכטן, און נישט מיט קיין אדוואקטן, דארטן פארלירט מען דעם בעסטן אפעלאט, און נאך אלעם געווינט מען דורך א צווייטן וועג, ווייל א איד דארף שטרעבן כסדר צוצוקומען צום הכרה, און אויסשרייען און אנערקענען דעם "אתה הראית לדעת" וואס דאן שרייט זיך אויס העכער "כי ה' הוא האלקים" און דאס ברענגט צום אייביגן מציאות פון **"אין עוד מלבדו"!**

די ספה"ק זאגן "שבע יפול צדיק וקם" א איד קען טוהן און טוהן, דורכפאלן איינמאל און נאכמאהל, אבער ער שטעלט זיך אלץ צוריק אויף, ווילאנג מ'כאפט זיך אן אינעם אייבירשטן, מ'איז דבוק באילנא דחיי, מ'ווייסט מ'קען גארנישט אליינס, מ'טוט בלויז זיין רצון ב"ה, וועט מען בעזרת השם יתברך אנקומען און דערגרייכן, און יא סוף כל סוף וועט מען געווינען! נאך אלע דורכפעלער מיט אלע מאכינאציעס און פעסט אוועקגעשטעלטע אומאפ-ענטפערבארע טענות קען מען גענצליך פארלירן, אבער דאך דארף מען נישט אראפגעלייגן דאס געווער, ווייל א איד האט דעם "חרב פיפיות בידם" ער איז כסדר מתפלל און האפט און בעט, און שתד'לט ווייטער און שטעלט זיך קיינמאל נישט אפ, א איד געדענקט אז גארנישט שפילט זיך נישט אויס אליינס אלעם ווערט געפירט פון אויבן, "פליאה דעת ממני נשגבה לא אוכל לה" און נאר מיטן אייבירשטן קען מען אנקומען, דורכן חזר'ן און געדענקען אז ס'איז **"אין עוד מלבדו"**.

דאס גיט די חיות פאר א איד, דאס גיט די נשמה, דאס גיט די לופט צו אטעמען, און מ'האט זיך נישט מייאש געווען נאר ווייטער פרובירט מיט פרישע סארט שתדלנות, און גראדע אנדערע סארט שתדלונות וואס איז נישט געווען מעגליך צו טוהן א יאר אדער צוויי צוריק, און אודאי און אודאי נישט דריי אדער פיר יאר צוריק, שתדלנות וואס בלויז יעצט נאכן דורכפאל איז מען דערצו אנגעקומען, מחמת די טוישונגען אינעם

**אין ווינציגער ווי א יאר נאכדעם וואס ס'האט אויסקוקט ווי א פעלזן פעסטע פאקט אז מ'האט עס נישט, איז די זאך פולקאם מסודר געווארן ב"ה**, אזוי ווי די לוחות שניות איז געגעבן געווארן אן קיין קולות וברקים, אן קיין ענן כבד על ההר, נאר פשוט טרוקענע שתדלנות וואס ווי ערוועגט האט נאר דייקא יעצט געקענט צושטאנד קומען, ווייל **דער "ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין" ער וועט אונז שטענדיג העלפן**, דאס מציאות פונעם בוכ"ע טוישט זיך נישט, ער פירט זיין וועלט ווי זיין רצון איז, און דאס איז דער טיפער תכלית הנרצה פון א איד צו אנערקענען, **ס'איז "אין שום מציאות מבלעדיך יתברך כלל"** און דאס ברענגט דעם ריכטיגן שלימות פון די עבודה פונעם איד, אז סיי אינעם דורכפאל אין סיי אינעם דערגרייכונג איז אלעם בלויז דער אייבירשטער, "ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם" און **בלויז דאס וואס ער זאגט און באשטימט נאר דאס וועט בלייבן און בלויז דאס וועט פאסירן**, בבחינת "ויגזר אומר ויקם" וואס דער אייבירשטער זאגט דאס איז א מציאות, דאס שטייט, און בלויז זיין רצון דאס איז אונזער דערגרייכונג, און **בלויז דאס זוכן מיר אויסצופירן ווייל ס'איז "אין עוד מלבדו"**.

גאנצן אומגעגנט דא אין בלומינג גראוו וואס מיט יעדן פארבייגייענדן טאג ווערט דאס מער און מער קריסטאליזירט אלס א שפרודל'דיגער שפעררישער בליענדיגער געגנט, מען האט שטענדיג גע'חזר'ט דאס וואס אבינו רועינו מרן רבינו הקוה"ט זי"ע פלעגט אנזאגן פאר די עסקנים כסדר "א איד ברויך טוהן און נישט אויפטוהן", און אנהאלטנדיג דעם רבי'נס הוראות פאר די אויגן האט מען זיך פריש אנגעגארטעלט, וויסנדיג אז דער אייבירשטער איז דער **"אתה הראית לדעת".**

וועז מען געדענקט דעם אייבירשטן אין יעדע פעולה און אין יעדע שתדלנות ווייסט מען "כי ה' הוא האלקים" אפילו ס'איז אמאל בחינת דין, מ'דארף מען נישט גיין מיט שכל, מ'דארף נישט גיין מיט סטראטעגיע, מ'דארף נישט גיין מיט קאנסולטענס, מ'דארף נישט קיין עקספערטן, מ'דארף נישט אוועקגעבן אזויפיל שלאפלאזע נעכט צו לעכערן דעם מוח מיט איידיעס און עצות, "לא במוח ולא בכוח", "לא בחרב ולא בחנית כי אם בשם אלקים צבקות", און ב"ה ווען מ'האט געגומען דעם מהלך מיט פרישע כוחות דאן איז מען אנגעקומען צום ציל, דייקא דאן האט זיך באוויזן דער גאלדענער תכלית הנרצה, און דער מטרה און דער ציל איז ב"ה דערגרייכט געווארן, אז מ'שטיי מיר דא צו מעלדן די בשורה טובה, ברוך הוא וברוך שמו, יא, די האסט די כוחות!

אין ווינציגער ווי א יאר נאכדעם וואס ס'האט אויסקוקט ווי א פעלזן פעסטע פאקט אז מ'האט עס נישט, איז די זאך פולקאם מסודר געווארן ב"ה, אזוי ווי די לוחות שניות איז געגעבן געווארן אן קיין קולות וברקים, אן קיין ענן כבד על ההר, נאר פשוט טרוקענע שתדלנות וואס ווי ערווענט האט נאר דייקא יעצט געקענט צושטאנד קומען, ווייל דער "ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין" ער ווערט אונז שטענדיג העלפן, דאס מציאות פונעם בוכ"ע טוישט זיך נישט, ער פירט זיין וועלט ווי זיין רצון איז, און דאס איז דער טיפער תכלית הנרצה פון א איד צו אנערקענען, ס'איז "אין שום מציאות מבלעדיך יתברך כלל" און דאס ברענגט דעם ריכטיגן שלימות פון די עבודה פונעם איד, אז סיי אינעם דורכפאל אין סיי אינעם דערגרייכונג איז אלעס בלויז דער אייבירשטער, "ובכל תנועה ותנועה שם אלופו של עולם" און בלויז דאס וואס ער זאגט און באשטימט נאר דאס ווערט בלייבן און בלויז דאס ווערט פאסירן, בבחינת "ויגזר אומר ויקם" וואס דער אייבירשטער זאגט דאס איז א מציאות, דאס שטייט, און בלויז זיין רצון דאס איז אונזער דערגרייכונג, און בלויז דאס זוכן מיר אויסצופירן ווייל ס'איז **"אין עוד מלבדו".**

דאס איז א טיפע מוסר השכל פאר אונז אלע עסקנים און זאל עס טאקע יעדער איינער נעמען פאר זיך פערזענליך אין לעבן, אז **מיר דארפן נישט גארנישט, מיר דארפן בלויז אביסעלע אמונה פשוטה! מצה איז דאך "מיכלא דמהימנותא" דאס ברענגט אריין אין אונז אמונה און בטחון אינעם אייבירשטן, און בלויז דאס קען און דארף זיין אונזער מציאות און אונזער עקזיסטענץ, און אין צייטן וואס עס קען אויסקוקן ווי מען פארלירט, ווי מען קומט נישט אן אין ערגעץ, ווי עס גייט קאפויער**, דייקא דעמאלט באווייזט זיך דער אייבירשטער און זאגט "אני הוא בעל הבירה" איך פיר די וועלט און גארנישט עפעס אנדערש איז נישטא, "כי בחוזק יד הוציאנו ד' ממצרים" נאר ווען יעדער האט אנערקענט און איינגעזעהן אז אלעס ארום איז בטל ומבוטל, אלע אנדערע מציאות'ער האבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן נאר דעמאלט האבן אידן זוכה געווען צו יציאת מצרים, דאס איז דער פינטעלע פונעם גלות און דאס איז דער פינטעלע פון די גאולה, אנצוקומען צו דעם שפיץ צו וויסן און אנערקענען **"אתה הראית לדעת".**

• • •

**אט** דאס קומט אונז טאקע ווייזן דער יו"ט פסח ווען גאנץ כלל ישראל איז געווען אזוי איינגעטינקען אין די עבודת הפרך, אן קיין ברעקל אויסזיכטן פון גאולה, זיי האבן געהאלטן אין די מדריגה פון "ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה" דייקא דעמאלט האט דער אייבירשטער געזאגט פאר משה "עתה תראה" יעצט וועסטו זען "כי ביד חזקה" אז מיטן אייבירשטנ'ס האנט גייט מען ארויסגיין אפילו עס קוקט יעצט אויס ווי עס גייט פארקערט, דייקא דא ליגט די גאולה און די ישועה, ווען אידן וועלן קודם אויפבויען זייער אמונה פשוטה, און וויסן און גלייבן און אנערקענען אז קיינער קען גארנישט אויסער ער, דייקא דעמאלט ווערט מען געהאלפן ווערן, און דאס קען נישט פאסירן א מינוט נישט פריער, עס קען אויסזען אזוי טונקל, חושך ואפילה, אבער ס'איז אלעמאל **"ה' הוא האלקים".**

נחשון בן עמינדב איז אריינגעשפרינגען אין וואסער אריין און האט געשריגן "הושיענו אלקים כי באו מים עד נפש", כדי צו טוהן דעם רצון הבורא אן קיין חשבונות, און דעמאלט איז די וואסער געשפאלטן געווארן, און אידן האבן זוכה געווען צו ביזת הים און התגלות אלקות, און נאר אזוי האבן זיי געקענט זאגן שירה, און אויסרופן הויך "אשירה לה' כי גאה גאה", און אזוי ווערט נתקדש שמו יתברך אויף דער וועל, דאס אלעס קומט בלויז ווען א איד האט די קלארע הכרה אז אלעס ארום איז בטל ומבוטל כעפרא דארעא.

דערפאר איז טאקע נישט גענוג מבטל צו זיין דעם חמץ פשוט מיטן ארויסזאגן סתם מיטן מויל, נאר מ'מוז אינזין האבן און פארשטיין און וויסן וואס מ'זאגט "מבטלו בלבו" דעם חמץ קען מען מבטל זיין בלויז דורך אינזין האבן מיטן גאנצן הארץ, אז מיר אנערקענען אין דעם ביטול המציאות "בלתי ה' לבדו" נאר אין דעם כאפן מיר זיך אן, מיר האבן נישט גארנישט עפעס אנדערש, בלויז א הייליגע עבודה אנצוקומען צו די קלארע דעת, טיפע שכל און העכערע אנערקענונג צו פארשטיין און וויסן אז "ס'איז אלעס הבל הבלים אין עוד מלבדו".

• • •

"קידשה לשעתה וקידשה לעתיד לבוא"

ס'איז גאר פאסיג און וויכטיג אין די יעצטיגע צייט צו באטאנען ווען מ'קוקט זיך ארום דא **אין אונזער שטאט בלומינג גראוו, ווען אמאל האט מען געמיינט אז ס'איז בלויז א עראי, א געגענט וואס גייט אפשר אנהייבן מצליח זיין נאך צוואנציג יאר, עס ווערט זיין "והי' ראשיתך מצער" פאר א לאנגע צייט**, דער ציבור האט אינאיינעם געשוויצט אהערצושטעלן א ערליכע אידישע געגענט, יעדער האט באגערט און ארויסגעקוקט ס'זאל זיך בס"ד ריכטיג אנטוויקלען, ס'זאל זיין א סוקסעספולע אידישע שטאט, א עיר מלאה חכמים וסופרים, ס'איז נאך געווען בבחינת "קדושה ראשונה" וואס איז געווען "קידשה לשעתה", מ'האט נישט געוואוסט צו ס'איז אויך "קידשה לעתיד לבוא", אבער ב"ה דער "ואחריתך ישגה מאד" האט זיך גאנץ שנעל באוויזן אויפן האריזאנט, און האט זיך במשך די לעצטע פאר יאר ארויסגעשטעלט על כל צעד ושעל, אז אויף יעדן טריט און שריט טוט אונז די כוח הקדושה באגלייטן, און ברענגט אונז די הכרה אז ס'איז ב"ה אויך "קידשה לעתיד לבוא".

מ׳דארף נישט זיין מער קיין רואה עתידות, מ׳דארף שוין נישט צו זיין א פארקוקער, צו קענען זען דעם גאלדענער עתיד וואס האלטן אינמיטן פאסירן אין אונזער בליענדער שטאט בלומינג גראוו, מ׳דארף פשוט דורכפארן דעם געגנט, וואס איז שוין גארנישט קיין שטילע דערפישע געסלעך, נאר מיט א צורה דקדושה, מ׳זעט א שפרודל׳דיגע שטאט מיט צאן קדשים אין אלע זייטן, מיט אזא חן, מיט א צניעות, מיט א ערליכקייט, מ׳זעט גאנצע גאסן פארפולקאמט מיט הונדערטער הערליכע אידישע הייזער, אויף יעדן ווינקל און אויף יעדן ארט שפראצט ב״ה כסדר ארויס נאך פרישע בנינים, נאך פרישע דירות, נאך פרישע הייזער בתים נאמנים לה׳ ולתורתו, גרעסערע און קלענערע, וואס ווערן גאנץ שנעל באזעצט דורך אנשים יראים ושלמים, וואס זען און שעצן דאס נאבלקייט וואס בלומינג גראוו שטעלט מיט זיך פאר, מיט א געפיל פון ״מה טובו אהליך יעקב״ ביי די דירות און ״משכנותיך ישראל״ ביי די בתי מדרשים, דאס ווייזט אונז אז ס׳איז גלייך פון אנהייב געווען גוט אוועקגעשטעלט ב״ה וואס דאס האט ערמעגליכט די שיינענדיגע הצלחה ״קדושה ראשונה קידשה לשעתה וקידשה לעתיד לבוא״.

**מ׳דארף נישט זיין מער קיין רואה עתידות,** מ׳דארף שוין נישט צו זיין א פארקוקער, צו קענען **זען דעם גאלדענער עתיד וואס האלטן אינמיטן פאסירן** אין אונזער בליענדער שטאט בלומינג גראוו, מ׳דארף פשוט דורכפארן דעם געגנט, וואס איז **שוין גארנישט קיין שטילע דערפישע געסלעך**, נאר מיט א צורה דקדושה, מ׳זעט א שפרודל׳דיגע שטאט מיט **צאן קדשים** אין אלע זייטן, **מיט אזא חן, מיט א צניעות**, מיט א ערליכקייט, מ׳זעט **גאנצע גאסן פארפולקאמט מיט הונדערטער הערליכע אידישע הייזער**, אויף יעדן ווינקל און אויף יעדן ארט שפראצט ב״ה כסדר ארויס נאך פרישע בנינים, נאך פרישע דירות, נאך פרישע הייזער **בתים נאמנים לה׳ ולתורתו**, גרעסערע און קלענערע, וואס ווערן גאנץ שנעל באזעצט דורך **אנשים יראים ושלמים**, וואס זען און **שעצן דאס נאבלקייט וואס בלומינג גראוו שטעלט מיט זיך פאר**, מיט א געפיל פון ״מה טובו אהליך יעקב״ **ביי די דירות** און ״משכנותיך ישראל״ **ביי די בתי מדרשים**, דאס ווייזט אונז אז ס׳איז גלייך פון אנהייב געווען גוט אוועקגעשטעלט ב״ה וואס דאס האט ערמעגליכט די שיינענדיגע הצלחה **״קדושה ראשונה קידשה לשעתה וקידשה לעתיד לבוא״.**

א שטאט זאל זיך פירן ערליך קומט בלויז מיט אסאך סייעתא דשמיא, ווי עס הערט זיך שטענדיג די גוטע גריסן פון די הונדערטער איינוואוינער בליעה״ר וואס לעבן דאס מיט אויפן טאג טעגליכן פארנעם, אז היימישע חסידישע אידן לעבן מיט א רואיגקייט, איידל און באשיידן, יעדער אין זיין אייגענע ד׳ אמות, אין זיין אייגענע חצר, מיט אזא ברייטקייט און הרחבת הדעת אין א בחינה ״שאין פתחיהם מתכוונים זו לזו״, יעדער אין זיין געצעלט, אין זיין בית המקדש מעט, אין זיין מקום השראת השכינה, אין זיין דירה ווי ער איז מגדל זיינע דורות אויף דרך המסורה לנו מדור דור.

״מה׳ מצעדי גבר כוננו״ דארף דא טאקע ארויסגעברענגט ווערן לשבח די פרישע אנטוויקלונגען ווען עס קומט אריין די נייעס אז עס וועט זיך **אינעם קומענדיגן יאר אויפבויען פרישע בתי מדרשים, פרישע בניני המוסדות, פרישע בניני תלמודי תורה ובתי חינוך,** פרישע רוחניות׳דיגע פעסטונגען, און אין די זעלבע צייט גייט אויך אן די **צדקה וחסד אויף גאר שטארקן פארנעם, נישט צו פארגעסן פון א צווייטן איד, דעם ״כל דכפין ייתי וייכול״ געדענקען און אונטערשטיצן מיט א ברייט האנט א נויטבאדערפטיגן,** ווי קען מען דעם איבערלאזן און נישט דערמאנען כאטש אויפן שפיץ גאפל וויאזוי בלומינג גראוו איז צוגעגאנגען צום פסח, לחוג את חג המצות בדיצות, וויפיל הכנות איז אריינגעגאנגען בלויז אינזין צו האבן א צווייטן איד, יענער זאל אויך האבן, יענער זאל אויך שפירן דעם זיסן טעם אינעם יו״ט, וואס דאס ברענגט א שמירה פאר די גאנצע שטאט, און טוט באגלייטן דעם ״קידשה לשעתה״ זאל טאקע זיין מוסיף והולך צו דערגרייכן דעם ״קידשה לעתיד לבא״.

• • •

אין שו"ע ווערט געפסק'ט אינעם ערשטן סעיף אנפאנג הל' פסח אז "נוהגין לקבץ מעות חיטין" דהיינו תיכף וואס מ'הייבט זיך אן גרייטן און לערנען הל' פסח "שלשים יום קודם החג" זאל מען איינזין האבן די עניי עירך, דא ביי אונז אין בלומינג גראוו האט מען דאס געזעהן שוין היבש פריער, דער "יכול מראש חודש" האט זיך שוין אנגעהויבן נאך ר"ח אדר, אסאך פאר דעם "שלשים יום קודם החג", ווי דער ציבור המשתתפים האבן מקיים געווען דעם "מרבים העם להביא" פארן קופת עירנו, דאס השתתפות איז געווען מיט אזא ווארעם הארץ, מיט אזויפיל געפיל איינער פארן צווייטן, וויסנדיג אז דאס געלט קומט אן בהצנע לכת, ומתן בסתר יכפה אף, אז יעדער איד זאל זיך שפירן גוט און באקוועם און ברייטהארציג, און ער זאל אויך קענען צוגיין צום יו"ט פסח מיט הרחבת הדעת און זיך זעצן ווי א מלך צום סדר.

בבחינת "במוצאי מנוחה קדמנוך תחלה" האט מען זיך נאך אינמיטן פראסטיגן ווינטער, ווען די **ציפעדיגע קעלטן האבן נאך געשניטן אין די ביינער סוף חודש שבט האט מען זיך צוזאמגענומען און זיך אונטערגעגארטעלט אפצוריכטן א ר"ח אדר מסיבה**, בלויז מיט די מטרה, ווייל דער מצב אין די גאס איז גאר אנגעשטרענגט, ס'הערשט א שרעקליכע יקרות, גאר אסאך זענען נישט ביכולת צו זיין פון די נותנים, ווער ליידט דען נישט פון דעם שווערן מצב טאג טעגליך, דערפאר האבן די חשובע עסקנים זיך דאס יאר פילפאכיג מער אנגעשטרענגט, וויסנדיג "אז דער מצב איז שווער ווערט מען דעריבער דארפן ארבעטן נאך שווערער", און נאר דאס האט געברענגט דעם שיינעדיגן סוקסעס ווען מ'האט אויף דעם יו"ט ב"ה אויסגעטיילט ריזיגע הערליכע סכומים אדירים פון שווערע הונדערטער טויזנטער דאלער'ס! אז יעדער איינער דא אין שטאט בלי יוצא מן הכלל, זאל קענען מאכן יו"ט ווי עס ברויך צו זיין!

ס'איז באמת א זכי' צו זיין אנטייל פון **אזא נאבעלע דערגרייכונג, און דאס קען בלויז צושטאנד קומען ווען די עוסקים בצרכי ציבור באמונה האלטן פאר די אויגן דעם ריינעם ערליכן מטרה, עוסק צו זיין ארויסצוהעלפן, צוצולייגן און אויפצובליען, און זיך נישט לאזן אראפשלעפן**, וואס דאס ברענגט א ברכה פון הימל אז די שטאט זאל ווייטער וואקסן און בליען, ס'זאל נישט בלויז זיין "קידשה לשעתה" נאר ס'זאל אנגיין און זיך פירן ווי עס איז פאסיג ברוחניות ובגשמיות, דאס הייבט די ברעמען אויף די פילע נאבעלע פראיעקטן און הערליכע פרישע געשעפטן און ביזנעסער וואס דער ציבור נייטיגט זיך דערין צו קענען געניסן דא לאקאל אין בלומינג גראוו, מ'וויל זיך שטיצן איינער דעם צווייטן, עמך ישראל צריכין זה לזה, וואס איז א כבוד און פראכט פאר די גאנצע שטאט, און ברענגט מ'זאל שטענדיג קענען זיין מוסיפין והולכין מעלין בקודש, להרחיב גבולי הקדושה ביתר שאת וביתר עז, ס'זאל בלייבן **"קידשה לעתיד לבא"**.

• • •

"ולכל בני ישראל הי' אור במושבתם", איבעראל ווי מען גייט, נישט בלויז אין די נייע הייזער אויף די שוין לאנג באזעצטע גאסן, נאר אין די אמאליגע וועלדער וואס דער באדן איז שוין אין די פארגאנגענע יארן אנגעגרייט געווארן, קומען **אצינדער ארויף גאנצע נייע פרישע שכונות, סיי קלענערע נייע געגנטער פון צענדליגע הייזער, ווי למשל די "טערעזע דעוועלאפמענט", אדער די גרעסערע "בלומינג גארדענס דעוועלאפמענט" אויפן 208**, און ווער רעדט נאך ביים באטראכטן דעם בליענדן הערליכן **"פראספעקט גארדענס דעוועלאפמענט" וואס אנטשפרעכט א פרישע גאלדענע עתיד פאר תושבי עירנו בס"ד**, און אזוי נאך איז אין די פלענער פילע פרישע שכונות פון הונדערטער און טויזנטער הייזער בליעה"ר, מ'קען זאגן אז בלי גוזמא וועט אי"ה **לשנה הבאה צוקומען דא אין בלומינג גראוו הונדערטער פרישע דירות, טאקע הייזער וואס איז גרייט זיך אריינצוציען און וואוינען, געווידמעט בלויז פארן היימישן ערליכן ציבור וואס ווילן מגדל זיין זייערע קינדערלעך אויפן דרך המסורה לנו מדור דור, ס'זאל שטענדיג זיין "כן ירבה וכן יפרוץ"**.

"שאו סביב עיניך וראי מי ברא אלה", ס'איז נישט קיין ספק אז ווען ס'איז "קידשה לעתיד לבא" האט דאס שוין א "קדושת ארץ ישראל", ווי רבינו הקודה"ט זי"ע האט דאס קלאר ארויסגעזאגט ביי די קעמפס, און ביים בויען קרית יואל, דאס זעלבע חזר'ט זיך איבער דא אויך אין בלומינג גראוו, און דאס איז דער עדות וואס מיר זען אלע בחוש, דאס איז דער דעת וואס ווערט ניתוסף, אז ס'איז ב"ה שכינה שורה בישראל, "אתה הראית לדעת", ווי מ'זעט יאר איין יאר אויס באשיינפערליך די

"שאו סביב עיניך וראי מי ברא אלה", ס'איז נישט קיין ספק אז ווען ס'איז "קידשה לעתיד לבא" האט דאס שוין א **"קדושת ארץ ישראל"**, ווי רבינו הקודה"ט זי"ע האט דאס קלאר ארויסגעזאגט ביי די קעמפס, און ביים בויען קרית יואל, דאס זעלבע **חזר'ט זיך איבער דא אויך אין בלומינג גראוו, און דאס איז דער עדות וואס מיר זען אלע בחוש**, דאס איז דער דעת וואס ווערט ניתוסף, אז ס'איז ב"ה שכינה שורה בישראל, **"אתה הראית לדעת"**, ווי מ'זעט יאר איין יאר אויס באשיינפערליך די הצלחה און סייעתא דשמיא וואס באגלייט בלומינג גראוו מיום הוסדה ועד עתה, **"ויהי נועם ה' אלקינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו"**.




הצלחה און סייעתא דשמיא וואס באגלייט בלומינג גראוו מיום הוסדה ועד עתה, "ויהי נועם ה' אלקינו ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו".

"ברוך המקום ברוך הוא", דאס איז אלעם בלויז כביכול דער בורא ברוך הוא, אלעם ווייל מ'האלט פאר די אויגן אנצוגיין מיט א גראדקייט, דורכן זיך נישט געלאזט פארשלעפט ווערן צו זייטיגע מאטיוון, מ'זאל נישט פארלירן די ערליכע מטרה און ציל, מ'זאל אנגיין ווייטער אן קיין חכמות און אן קיין דריידלעך, נאר געדענקען און האלטן פאר די אויגן א גאנצן צייט אז "אתה הראית לדעת כי ה' הוא האלקים" אז דער דעת ווערט טיפער, אלס העכער איז די הצלחה, וואס מער שטארקייט עס פאדערט זיך ווען זאכן גייען נישט ווי מ'קלערט, אלץ שטערקער קומט ארויס דער "אין עוד מלבדו".

• • •

איז טאקע די טיפסטע האפענונג פון יעדן איינעם אז ס'זאל טאקע ווייטער אנהאלטן אזוי, מיט אהבה אחוה שלום ורעות, וואס דאס איז געווען אוות נפשו הטהורה פון אבינו רוענו מרן רבינו הקוה"ט זי"ע אז דער ציבור זאל זיך צוזאמענהאלטן צווישן זיך, ביז דער "עשה ועושה ויעשה לכל המעשים" וועט אונז פון דא צוזאמענעמען און ארויפפירן קיין ירושלים עיה"ק, מיר דארפן בלויז אויסהאלטן נאך אביסל, נאך א קליין שטיקל צייט, אויסשווייצן "עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה וגאלם", מיר דארפן נאר אנגרייטן דעם טייגל, ווייטער טוט זיך שוין אלעם אליינס, אפבאקן וועט זיך עס שוין אויפן וועג, אויף די פלייצע, מיר דארפן מער גארנישט טוהן, די הכנה למצוה ברענגט מיר זאלן ווערן דערהויבן מיט א פולקאמע שלימות.

דער הייליגער יום טוב פסח טראגט אונז ארויף העכער פון יאר צו יאר, "פיקודא בתר דא לספר בשבחא דיציאת מצרים" נאר דאס דארפן מיר פילעוועןנאר אין דעם דארפן מיר זיך אויסהארעווען, "אלא חובא איהו על בר נש לאישתעי בההוא סיפור" ווי מ'זאגט דעם גאנצן שטיקל זוהר הק' ביי "מגיד" פסח ביינאכט, און אזוי בעטן מיר טאקע ווייטער ביי "לפיכך אנחנו חייבים" אז דאס אונז אונזער חיוב און בלויז דאס בעטן מיר אז "כן יגיענו ד' אלקינו למועדים ולרגלים אחרים הבאים לקראתנו לשלום", אז מיט די בחינה זאלן מיר גיין כסדר העכער און העכער, "ותגביה קרננו למעלה".

אט דאס איז אונזער בקשה אין די טעג ס'זאל שוין מקוים ווערן **"שמחים בבנין עירך וששים בעבודתך"** מ'זאל שוין זוכה צו די ריכטיג שמחה און בנין בית המקדש, און מיר זאלן נאך טאקע היי יאר זוכה זיין מקיים צו זיין דעם "ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים", ווען עס פאלט טאקע היי יאר מוצאי שב"ק זאגט מען דעם נוסח "ונאכל שם מן הפסחים ומן הזבחים", און נאך דאס יאר האפן מיר נאך מקריב צו זיין דעם קרבן פסח, און זוכה צו זיין צום ליכטיגן התגלות אלקות, מיר זאלן שטענדיג קענען זינגען און לויבן, דאנקען און אנערקענען דאס העכערקייט וואס באגלייט אונז אלעמאל, אנצוקומען צו א טיפערע און העכערע בחינה פון "אתה הראית לדעת" ביז עס וועט מקוים ווערן דער "כימי צאתנו מארץ מצרים אראנו נפלאות" און וועלן מיר אלע פון דא ארויפגיין קיין ירושלים עיה"ק, "ונאמר לפניו שירה חדשה" באנפין נהירין אמן.

**א כשר'ן און פרייליכן פסח!**

# ווילעדזש פארלירט וואסער צוליב פארעלטערטע אינפראסטרוקטור

אין די פארגאנגענע מאנאטן האט די ווילעדזש אריינגעלייגט פיל ארבעט נאך יעדע וואסער מעין ברעיק, נאכצוגיין און צו פארבעסערן שטאפלווייז די וואסער סיסטעמען, געגנט נאך געגנט און גאס נאך גאס, אזוי אויך האט די ווילעדזש געלאזט דורכפירן א טייערע ליעק-דיטעקשאן און פריווענשאן סורוועי, ווי מען האט אריינגעלייגט קאמערעס אין די וואסער ליניעס צו אויסגעפונען ווי עס איז פארהאן שפאלטענעס אין די ליניעס, ספעציעל אין די גאר פארעלטערטע ווארלי הייטס אומגעגנט, ווי עס מאכט זיך די מערסטע וואסער מעין ברעיקס.

עס איז א פאזיטיווע אנטוויקלונג אז נאכן איבערגיין די נומערן פון די לעצטע יאר 24' למס' און נאכן עס צוגלייכן צו די נומערן פון די יאר בעפאר, ווי די ווילעדזש האט געהאט פארלוירן נאנט צו 20 פראצענט וואסער אויפן יאר, דורך שפאלטענעס אין די אלטע צוגאנגענע ליניעס און נאכן אינוועסטירן אסאך געלט צו פארבעסערן די אינפראסטרוקטור, זענען די פראצענטן אראפגעגאנגען מיט האלב, אבער עס איז נאכאלץ היפש ווייט פון א געוואונטשענעם מצב ווען דער ווילעדזש האט נאך אצינד א טעגליכע פארלוסט פון 10 פראצענט פון אלע וואסער וואס ווערן אויסגעשעפט פון די קוועלער און וואס ווערןאריינגעברענגט טעגליך דורך די טאנקירן.

די ארבעט גייט ווייטער אן, ווי מען פאררעכט רער נאך רער, ליניע נאך ליניע, צו אראפברענגען די טעגליכע פארלוסט.





עס איז וויכטיג צו באטאנען, אז אין יעדע מוניציפאליטעט און אין יעדע וואסער סיסטעם, איז אייביג פארהאן א געוויסע פראצענט פון וואסער וואס איז נארמאל צו ווערן פארלוירן, דורך די נאטורליכע זעצונג פון די ערד ווען עס מאכט זיך דאדורך גאר קליינע שפאלטענעס אין די רערן, וואס עווענטועל -מיט די יארן- ווערן די שפאלטענעס גרעסער ביז עס קען פאראורזאכן א מעין ברעיק.

די ציהל פונעם ווילעדזש איז אראפצוברענגען דעם טעגליכן וואסער פארלוסט צום קומענדיגן יאר ביז אונטער 5 פראצענט.

ביטע טעקסט צו:
845.237.4828
אייער סעל נומער
און אימעיל אדרעס

זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די ין. זשעי. סי. טעקסט, אימעיל, און טעלעפאן אלערטס און אפדעיטס

## טרויעריג באַרימטע טאון פלענער באַזייטיגט!

# היימישע פראיעקטן אין טאון רוקן זיך פאָראויס

בעזרת השם יתברך, אין א פאזיטיווע שריט, האט דער טאון באורד אין שפּיץ פון אונזער געטרייער טאון קאונסילמאן מו"ה אלימלך שמשון שווארץ ני"ו האנט ביי האנט מיט די יו. זשעי. סי. עסקנים ארייגעלייגט אימערמידליכע ארבעט במשך די פארגאנגענע חדשים צו שליסן א קאאליציע מיט די קאלעגע קאונסיללייט און מען האט באזייטיגט די ביז איצטיגע טאון פלענער און די פירמע פאר וועם זי האט געארבעט, און אנשטאט אויפגענומען א פראפעסיאנאלע פלענער האפנטליך מיט א קלארע וויזיע פאר דעם עתיד און מיט א גייסט זיך צוצושטעלן צו די געברויכן און פארלאנגען פון די קאמיוניטי און די קאנסטיטועטן.

די ביז איצטיגע טאון פלענער איז א טרויעריג באקאנטע אנטיסעמיטקע וואס האט אפן און אן בושה זיך ארויסגעשטעלט ביי יעדער געלעגנהייט בריש גלי אנטקעגן אידן און אידישע אינטערעסן. זי איז אייגנטליך געווען פון די אריגינעלע ארכיטעקטן פון דעם גראנדיעזן "פן ירבה סטראטעגיע" ביים גרינדן די ווילעזדש  אוו סאוט בלומינג גראוו, און זי האט מיט אייפער אויפגעהעצט די מאסן אנטקעגן אחינו בני ישראל ביי די אלע פובליק הירינגס.

זי איז אויך געווען דער מייסטער און פראדוצירער פונעם שוין אצינד "געוועזענעם" ווילעזדש "זאונינג קאוד" מיט די פילע  "אווערלעיס" און אנדערע דיסקרימינירנדע סעיפים, ווי אויך דאס ארויסנעמען די "הייזער אוו ווארשיפ" - ליין: בתי מדרשים - פון די ערלויבטע סארט בנינים.

היגע איינוואוינער געדענקן צום גוטן ווען דער ערשטע שריט פון די איצטיגע ווילעזדש אדמיניסטראציע איז געווען איר צו באזייטיגן אום תשרי תש"פ.

פאר פארשטענדליכע סיבות איז זי אויך געווען דער פלעננער פאר די טאון, און עפעקטיוו אפגעשטעלט און פארשלעפט יעדע איינציגע היימישע פראיעקט וואס איז ארויפגעברענגט געווארן צום טאון פלענינג באורד, געוויסע פראיעקטן זענען שוין פארשלעפט דארטן פאר איבער זעקס יאר.

אצינד נאכדעם וואס זי איז בעזרת השם יתברך באזייטיגט געווארן זעט זיך שוין ברוך השם אן א באלדיגער שינוי לטובה ווען די ערשטע צוויי פראיעקטן -ביידע שוין יארן פארשלעפט- האבן זיך פאראויסגערוקט עטליכע שטאפלען זייט דעם פאריגן חודש און ווערן האפנטליך באקומען די לאנג ערווארטעטע אפּראוועלס אין די קומענדיגע וואכן.

ווי שטענדיג, ברויכן מיר אונטערשטרייכן דאס וויכטיגקייט פון האבן א געטרייען פארטרעטער אינעם טאון אוו בלומינג גראוו, ווי אונזער געטרייער שליח ציבור מו"ה אלימלך שמשון שווארץ ני"ו טוט שטענדיג ארבעטן אויפצוטאן לטובת אחינו בני ישראל להרחיב גבולי הקדושה ולנצח על מלאכת בית השם.

ובשם ד' נעשה ונצליח!

# ווילעדזש טוט ערזעצן מאסיווע פאמפ סטאנציע אויף לעיק שאור

די וואכן האט די ווילעדזש רענאווירט די גאנצע לעיק שאור פאמפ-סטאנציע, סיי די פאמפס און סיי די האוזינג מיט די גאנצע פעסיליטי ארום, נאך וואס עס האט כסדר מאלפונקציאנירט אין די לעצטערע יארן, ווי עס האט זיך אפט געמאכט ליעקס און סוער בעקאפּס, וואס האט געמאכט שאדן סיי פאר די ווילעדזש און סיי פאר די שכנים, איז נאכן לייגן א לאטע נאך א לאטע מיט די נאכאנאנדע פאררעכטונגען, האט די ווילעדזש ארייגעלייגט דעם פראיעקט אין דעם היי יעריגן בודזשעט דאס צו פולקאם ערזעצן, עס האט אפגעקאסט אן ערך פון צוויי הונדערט טויזנט דאלער.

די ארבעט איז שוין פארטיג און דער נייער סטעישאן איז אין קראפט בשטו"מ און בעזהשי"ת וועט דאס עלימינירן די כסדר'דיגע פראבלעמען אין די געגנט.











**BRAND NEW CONSTRUCTION SUITES** IN THE GREATEST LOCATION OF BLOOMING GROVE. | SPACIOUS MODERN ROOMS | BALLROOM/CONFERENCE ROOM | CLOSE TO SUPERMARKET & SHULS | PRIVATE PARKING SPOTS

**Book Your Next Stay at the MELLOW.**

2 Pecos Court Blooming Grove N.Y 10950 | **845.923.3947**


בס"ד
פראוועט
א שמחה
לאקאל
שמחת תנאים
בר מצוה
שבע ברכות
פדיון הבן
מסיבות
אולם
השמחות
בביהמ"ד
בית יעקב
דקהל יטב לב
רופט פאר
רעזערוואציעס
845.248.3844
צוגעשטעלט מיטן גאנצן געשמאק
אויף שבת קודש און א גאנצע וואך

# הרחבת גבולי הקדושה שכונת צאנז זמיגראד

אין די  וואכן האט דער פלעונינג באורד אפראווד די נייע שכונת צאנז זמיגראד, וואס געפונט זיך צווישן מענדזשין ראוד און פענסילוועניע עוועניו.

די שכונה פרעזענטירט א דעוועלאפמענט פון הערליכע דירות און ווי אויך א נייע בית המדרש פאר חסידי ומעריצי בית צאנז זמיגראד מיט א מאיעסטעטישע היכל פון 3500 סקווער פיס, צוגעשטעלט פולקאם מיט א מקוה, און פארקינג בהרחבה גדולה פאר די מתפללים.

אזוי אויך ווערט געבויעט א הערליכע דירה וואס וועט דינען אלס ביתו נאוה קודש פאר כ"ק מרן אדמו"ר מ'צאנז זמיגראד שליט"א, וואס תושבי העיר האבן די זכיה אז ער איז קובע משכנו דאהי דורכאויס דעם יאר אויף שיינע שבתים, ימים טובים און יומא דפגרא און דורכאויס די זומער וואכן.

די יו. דזשעי. סי. עסקנים זענען געווען טעטיג, זיכער צו מאכן אז די שכונה קומט ארויס מיט די שענסטע פראכט און גלאנץ און האבן געארבעט האנט-ביי-האנט על כל צד ושעל אויף יעדע קליינע דעטאל, איבערצוגיין מיטן רבי'ן שליט"א זיכער צו מאכן אז די שכונה און דער ביהמ"ד שפאנט פאראויס ברוב פאר ויופי לשם ולתפארת ולתהלה.

שמא קא גרים - אין די פארגאנגענע מאנאטן האט דער רבי שליט"א קורא שם געווען די נייע גאס, צו טראגן דעם נאמען "צאנז זמיגראד לעין" לשם ולזכר אבותיו ורבותיו זכותם יגן עלינו.



די עסקנים ביים איבערגיין די פלענער מיטן רבי'ן שליט"א



ויקרא שמו - כתי"ק פון רבי'ן שליט"א

## על התורה ועל העבודה
# גדלו והצליחו וגם עשו פרי!

ישיבה תפארת משולם פייש ד'טאהש

נאך א יאר פון א געוואלדיגע סוקסעס מיט די ישיבה קטנה ד'טאהש דאהי אין בלומינג גראוו, איז בשעה טובה ובהתייעצות פון כ"ק מרן אדמו"ר מ'טאהש שליט"א די וואך באשטעטיגט געווארן צו גיין ווייטער מחיל אל חיל און אויף די קומענדיגע יאר שנת תשפ"ו וועט געעפנט ווערן די נייע ישיבה גדולה, תורת משולם פייש ד'טאהש אין בלומינג גראוו, ווי עס וועלן נתחנך ווערן די בחורים מופלגים בתורה ויראת שמים ובעבודת ה', וואס וועט הייבן דעם כח הרוחני אין שטאט, זייענדיג א זיכערע שמירה פאר די גאנצע שטאט ברוחניות ובגשמיות.

**תורה מגינא ומצלא!**

# אראנדזש קאונטי דיסטריקט אטוירני באזוכט סאוט בלומינג גראוו

זונטאג פרשת פקודי איז פארגעקומען א קאנפערענץ מיט די אראנדזש קאונטי דיסטריקט אטוירני מר. דעיוו האוולער, וועלכע שטייט שטענדיג צו דער האנט פאר אחב"י תושבי אראנזדש קאונטי.

די זיצונג איז פארגעקומען אינעם לאקאלן "סליעפ האטעל", איינגעארדנט דורך די חשובע גאסטגעבער הנגידים מו"ה יוסף יוזפא לאנדא ושותפו מו"ה לוי יצחק שווארץ, ביים זיצונג האבן זיך משתתף געווען די ווילעדזש באאמטע, עסקני יו. דזשעי. סי., און ראשי קהל יטב לב אין קרית יואל, פארשטייער פון די קאונטי שעריף און עסקנים פון גרעיטער אראנזדש קאונטי.




מען האט אויסגעדרוקט שעצונג, דאנקבארקייט און הכרת הטוב פאר די שטענדיגע מיטארבעט פונעם דיסטריקט אטורני'ס אפיס, ווי ער שטייט שטענדיג גרייט על כל צד ושעל פאר סיי וואס מען ברויך האבן מיט א צוגעלאזנקייט, פארשטענדעניש און מיט אן איבערגעגעבנקייט פאר די קאמיוניטי.

אויך איז איבערגעשמועסט געווארן דער פראגרעס מיט די אויפקומנדע ווילעזדש פייער דעפארטמענט און די פובליק סעיפטי איינהייט דאהי.

**הנותן תשועה למלכים!**

# סטאונגעיט ביזנעס צענטער פארקינג אפדעיט

אין די פארגאנגענע וואכן האבן די ווילעדזש באאמטע פארהאנדלט מיט די בעלי בתים פון די סטאונגעיט ביזנעס צענטער איבער דעם מאנגל פון פארקינג אצינד ביים צענטער, וואס כאטש מען האט צוגעשטעלט פארקינג בהרחבה, איז בעזהשי"ת די הצלחה פון דעם צענטער למעלה מן המשוער און עס איז נאך אלס נישט פארהאנען גענוג פארקינג.




אזויווי אין בלומינג גראוו איז "פארקינג" א "קוואליטי אוו לייף" פריאריטעט, האט מען ווידער פארהאנדלט און מען איז געקומען צו אן החלטה מיט די סטאונגעיט ביזנעס צענטער אז זיי וועלן אפדינגען א שטיקל פראפערטי פון די ווילעדזש און עס וועט ווערן צוגעשטעלט נאך פרישע 100 פארקינג ערטער פאר די טענענטס און קונדן פון די צענטער.

די ארבעט וועט בעזהשי"ת זיך אנהייבן ביז געציילטע וואכן, מיר וועלן האלטן דעם עולם אינפארמירט מיט ווייטערדיגע אנטוויקלונגען.

# פובליק סעיפטי אויסגעשטאטעט מיט דריי נייע פאטראל קארס

אין די איצטיגע טעג ווי מען האלט אינמיטן די איניציאטיוו פון גרינדן די נייע "פובליק סעיפטי" איינהייט אינעם ווילעדזש, האט די ווילעדזש באקומען אין די פארגאנגענע וואכן א נדבה פון דריי העכסט פארגעשריטענע אויטאס, וואס זאל שטיין צום דינסט פאר די פובליק סעיפטי.

די דריי עס. יו. ווי'ס וועלן קומען אויסגעשטאטעט מיט אלע טעכנאלאגיע און מכשירים וואס פארלאנגט זיך צו קענען אנפירן א פובליק סעיפטי ווירטשאפט אינעם ווילעדזש, און צו קענען בעזהשי"ת פונקציאנירן דורכאויס אלע וועטערס, רעגן און שניי, היצן און קעלט, אן קיין אפהאלט.

די אויטאס זענען נתנדב געווארן בנדבת לבם דורך די חשוב'ע נדבנים בוני העיר הרי הם הנקובים בשמותם מו"ה גדלי' ואחיו מו"ה יואל פעלדמאן ני"ו פון די "מענפיעלד דעוועלאפערס" פירמע, מו"ה אברהם שלמה האלפערט ני"ו ושתפו מו"ה יוסף פעלדמאן ני"ו פון די "אנפיעלד בילדערס גרופע" און הרבני הנגיד מו"ה יואל ובנו מו"ה משה שווארץ ני"ו פון "מאקע דעוועלאפערס גרופע".

די ציבור איז דאנקבאר פאר זייער גאר חשוב'ע נדבה לטובת די סעיפטי און זיכערהייט פון די שטאטישע איינוואוינער.

די נדבה ברענגט נאכאמאל ארויס די מהלך פון "סמארט אינוועסטינג" ווען אזויווי ביי די פייער טראקס וואס קומען אצינד אן, איז אנשטאט וואס דער ווילעזדש זאל דאס איינקאסירן ביי די שטייער צאלער און עס זאל פאלן צו לאסט אויפן ציבור, מאנט מען דאס אפ פון די אינוועסטירער און בויער דאהי.

און דא איז טאקע דער פלאץ ארויסצוברענגען דעם הכרת הטוב פאר די אלע נדבנים וואס זענען אין די בחינה פון טרם יקראו הם עונים, און זיי שטייען גרייט צו יעדער צייט צו נעמען אנטייל און ארויסצוהעלפן בויען די שטאט און די נכסי ציבור.

תשואת חן להם ויתברכו ממעון הברכות בשפע ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם.

**ואם ד' לא ישמר עיר שוא שקד שומר!**



SPONSORED BY:

MANFEILD DEVELOPERS

Moka Development Group

ON FIELD BUILDERS

# פובליק ווארקס אפדעיט
# פייער היידרענטס

במשך דעם ווינטער האט די ווילעדזש דעפארטמענט אוו פובליק ווארקס פארראכטן און ערזעצט איבער צוואנציג פייער היידרענטס דורכאויס דעם ווילעדזש, וועלכע די אינערליכע רערן זענען געווען פאר׳ראסטעט, צוברעקלט און אומנוצבאר, וואס דאס איז געווען א גרויסע סכנה און איז געווען א חלק פון די פארעלטערטע אפגענוצטע אינפראסטרוקטור וואס גייט שוין צוריק לאנגע יארן.

ברוך השם, ווי מען שטייט יעצט, טוען אלע פייער היידרענטס אינעם ווילעדזש פולשטענדיג פונקציאנירן און בעזהשי"ת האפן מיר בקרוב צו קענען האבן א פולקאמע "פייער רעיטעד PSI פרעשור" אין די וואסער ליניעס ווי נאר עס וועט געבויעט ווערן דער גיגאנטישער וואסער טאנק אויף פארט ווארט, אויף וואס די ווילעדזש האט באקומען די גרענט דעם פארגאנגענעם יאר.

די ארבעט איז ערווארטעט זיך אנצוהייבן דעם זומער, דער טאנק וועט זיין אויפגעהויבן 70 פיס אין דער הייך און וועט אנטהאלטן א האלב מיליאן גאלאן וואסער, וואס וועט פרעשורייזירן אלע וואסער ליניעס, און דאן וועלן די פייער היידרענטס ווערן קוואליפיצירט אלס "פייער-רעיטעד" מיט גענוג פרעשור צו באקעמפן פייערן, על כל צרה שלא תבוא.

דער ווילעזדש באדאנקט זיך פאר די קאאפעראציע פון תושבי העיר בשעת די פארריכטונג ארבעט, וואו דורכאויס האט מען געמוזט אפשפארן די וואסער פלוס אין געוויסע געגענטער וואס האט געשאפן אומאנגענעמליכקייטן אבער דער ציבור האט מיטגעארבעט מיט געדולד און פארשטענדעניש צו העלפן דעם פראיעקט פראגרעסירן פאראויס.

# ווערייזאן סערוויס
# פארבעסערט



אין די לעצטע צוויי וואכן האט דער עולם געהאט גאר שוואכע סעלפאון סערוויס אדער קיין סערוויס בכלל, אויף די היגע זייט פונעם סקאנעמאנק מאונטען, דאס הייסט אין די ווילעדזש און סאוט בלומינג גראוו, עס האט ספעציעל אפעקטירט די וואס נוצן די ווערייזאן נעטווארק.

די ווילעדזש האט זיך פארבינדן מיט די הויכע אינסטאנצן פון ווערייזאן און אזוי אויך מיט אונזער פריינד סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופיס, וואס דינט אויף די ניו יארק סטעיט סענאט קאמיטע אנבאלאנגט קאמיוניקאציע בנוגע דעם פראבלעם, ווי ווערייזאן האט געזאגט אז זיי זעהן נישט קיין שום מאלפונקציע, אבער האבן פאראדרנט איבער דעם פארגאנגענעם וויקענד, א ריסעט פון די עקוויפמענט און סערווערס פון די קאמיוניקאציע טורעמס וואס טוען סערווירן די זייט פונעם בארג, ווי זיי זאגן אז דאס וועט פארבעסערן די סערוויס און לעזן דעם פראבלעם.

# פראדוקטיווע דעוועלאפערס און בויער קאנפערענץ אפגעהאלטן מיט סוקסעס

אויף די איניציאטיוו פונעם ווילעזש, איז דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת פקודיפארגעקומען א קאנפערענץ צווישן אלע דעוועלאפערס, בויערס און קאנטראקטערס וואס טוען ארבעטן דאהי, ווי עס האבן זיך אויך באטייליגט די ווילעדזש אינזשעניר, בילדינג אינספעקטאר, קאוד ענפארסמענט און ווילעדזש טראסטיס.

ביים קאנפערענץ איז געווארן אויסגעשמועסט ענינים העומדים על הפרק, ווי ברוך השם די שטאט איז מוסיף והולך להרבות חיל ולהרחיב גבולי הקדושה און עס מאכט זיך כסדר פרישע שאלות אין ענינים וואס מען ברויך איבערשמועסן, זאכן וואס מען האט נישט פון פאראויס געזען אדער גערעכנט, און ווי אויך כסדר צו האלטן גוטע קשרים און אן אפענע ליניע פון קאמיוניקאציע פאר סיי וועלכע מצבים עס זאל נאר אויפקומען, איז ביים זיצונג געווארן אויסגעשמועסט פונקטליך צו מאכן זיכער אז די ארבעט פארט ווייטער געשמירט און צו די זעלבע צייט איז עס לטובת ולתועלת סיי פאר די איינוואוינער פונעם ווילעדזש און ווי אויך פאר די נייע דירות פראיעקטן, א שטייגער ווי האלטן די גאסן ריין און פארזיכערט ביי די קאנסטרוקציע און די דזשאב סייטס, און אזוי אויך איבער אלע אנגעלעגנהייטן ווי סיידוואלקס, פארקינג א.א.וו. זיכער צו מאכן אז אלעס קומט נאך די פארשריפטן און איז מסודר על צד היותר טוב.



אזוי אויך איז געווען א געלעגנהייט ביים זיצונג פאר די קאנטראקטערס זיך צינויף צורעדן צווישן זיך און מיט די ווילעדזש, ווי עס איז פארגעקומען א "שאלות און ענטפערס" סעסיע, די זיצונג איז געווען גאר פראדוקטיוו און הילפבאר צו די צופרידנהייט פון די באטייליגטע.

דער ציהל פונעם ווילעדזש איז צו דורכפירן ענליכע קאנפערענצן יעדע פאר מאנאטן, זיכער צו מאכן אז עס איז שטענדיג פארהאן אן אפענע ליניע - שמוע בין אחיכם, אז די קאנסטרוקציע ארבעט אינעם ווילעדזש זאל קענען פארן געשמירט בעזהשי"ת, אן קיין שום אינצידענטן און אפשטעלונגען.

ובשם השם נעשה ונצליח!

## הרחבת גבולי הקדושה: קימפעטארין היים דקהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

דער גראנדיעזער קימפעטארין היים פראיעקט האט אין די וואכן ערהאלטן סייט פלען עפראוועלס פון די ווילעיזדש פלענינג באורד.

דער פראיעקט רוקט זיך אצינד פאראויס צום בילדינג פערמיט שטאפל בכוחו ובזכותו של אותו זקן מרן רביה"ק זי"ע בשעה טובה ומוצלחת.

ובשם ד' נעשה ונצליח!





# VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

811 Route 208, Monroe NY 10950 · Phone: 845-782-2600 · Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914 · www.vosbg.com




# בייקס און סקוטערס סעיפטי
## וויכטיגע דערמאנונג





ווי מיר האלטן איצטערט אין די זוממער טעג און ווי פארשטענדליך הייבן די קינדער אן צו שפילן מער אויף די לאקאלע גאסן, פילן מיר פאר וויכטיג צו דערמאנען די עלטערן איבער די סעיפטי און זיכערהייט כללים וואס מען ברויך ציוויסן געבן פאר די קינדער, וויאזוי צו זיין פארזיכטיג ביים זיך שפילן אויף די ראודס און אויף די גאסן, ספעציעל ביים שפילן מיט בייקס און סקוטערס.

1. **אנטאן א העלמעט:** מען קען שרייבן לאנגע שורות און עס וועט קיינמאל נישט זיין איבעריג, איבער דאס וויכטיגקייט פון גיין מיט א העלמעט ווען מען רייזט מיט א בייק אדער סקוטער, דאס איז וויכטיג פאר קינדער און עלטערע צוגלייך. מאכט זיכער אז די העלמעט איז די ריכטיגע מאס פאר דעם רייזענדער.

2. **רייזן אויף די זייט פונעם ראוד:** מאכט זיכער אז אייער קינד טוט רייזן און זיך שפילן בלויז אויף די זייטן פונעם ראוד. עס איז אויך גאר וויכטיג צו האלטן אן אפענע אויג פאר לעכער, קעטש בעיסינס און סיי וועלכע אביעקטן מען קען זיך אנשטויסן, ווען מען רייזט אויפן ראוד.

